12 דערפאַר, אַזויווי דורך איין מענטשן איז די זינד
געקומען אין דער וועלט אַריין, און דורך דער זינד
דער טויט, און אַזוי איז דער טויט אַדורכגעדרונגען
צו אַלע מענטשן, ווייל אַלע האָבן געזינדיקט;
13 וואָרום ביז דער תורה איז די זינד שוין געווען
אין דער וועלט, אָבער זינד ווערט נישט
פאַררעכנט, ווען עס איז נישטאָ קיין געזעץ;
14 דאָך האָט דער טויט געקעניגט פון אדמען ביז
משהן אויך איבער די, וואָס האָבן נישט געזינדיקט
ענלעך צו דער עבירה פון אדם, וועלכער איז אַ
פאַרבילד פון אים, וואָס האָט געזאָלט קומען.
15 אָבער נישט ווי די עבירה, אַזוי איז די מתנה.
וואָרום, אויב דורך דער עבירה פון דעם איינעם
זענען די פילע געשטאָרבן, וויפל מער זענען
ג־טס חסד און די מתנה דורך דעם איינעם
מענטשן, ישוע המשיח, איבערגעפלאָסן צו די פילע!
16 און נישט אַזוי ווי דורך דעם איינעם, וואָס האָט
געזינדיקט, איז די מתנה; וואָרום דאָס משפט איז
געקומען דורך איינעם צו פאַראורטיילונג, אָבער
די מתנה איז צו גערעכטפערטיקונג פון אַ
17 סך זינד. ווייל, אויב דורך דער עבירה פון
דעם איינעם, האָט דער טויט געהערשט דורך
דעם דאָזיקן איינעם, וויפל מער וועלן די, וואָס
זענען מקבל די שפע פון חסד און דער מתנה
פון גערעכטיקייט, הערשן אין לעבן דורך דעם
18 איינעם—ישוע המשיח. דעריבער, אַזויווי דורך
איין עבירה איז געקומען די פאַראורטיילונג אויף
אַלע מענטשן, אַזוי אויך דורך איין טאַט פון צדקות,
איז געקומען די גערעכטפערטיקונג פון לעבן צו אַלע
19 מענטשן. וואָרום אַזויווי דורך דער ווידערשפּע־
ניקייט פון דעם איינעם מענטשן זענען אַ סך